**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/31/2022 **גאווערנער קעטי האָקול**

## גאווערנער האָקול אנאנסירט הײם הייצונג שטייט גרייט צו באקומען פאר בארעכטיגטע ניו יארקער פון נאוועמבער 1

***בארעכטיגטע הויזגעזינדער קענען באקומען ביז 976 דאלער אין הייצונג הילף דעם ווינטער***

***אפליקאציעס פאר הײם ענערגיע הילף פראגראם אנגענומען פון נאוועמבער 1***

גאווערנער קעטי האָקול האט היינט געמאלדן אז ניו יארקער וועלכע נייטיגן זיך אין הילף צו באצאלן זייערע הייצונג בילס קענען זיך אנהייבן איינצוגעבן פאר הײם הייצונג הילף אום דינסטאג, נאוועמבער 1. דער הײם ענערגיע הילף פראגראם, אויך באקאנט אלס HEAP, קען צושטעלן ביז 976 דאלער דעם ווינטער צו העלפן נידעריג און מיטל-מעסיג פארדינענדע הויזגעזינדער און עלטערע איינוואוינער צו האלטן זייערע היימען ווארעם און העלפן פארגרינגערן הויכע ענערגיע קאסטן.

״מיר בלייבן פארפליכטעט צו פארזיכערן אז אונזערע מערסט אומבאהאלפענע ניו יארקער האבן צוטריט צו הילף און פראגראמען וואס וועלן העלפן אדרעסירן שטייגנדע קאסטן פאר הייצן זייערע היימען דעם ווינטער,״ **האט גאווערנער האָקול געזאגט.** ״דער הײם ענערגיע הילף פראגראם איז א נייטיגע לעבנס-ליניע פאר אומצאליגע ניו יארקער פאמיליעס, און איך מוטיג די אלע וועלכע זענען בארעכטיגט זיך איינצוגעבן פאר די דאזיגע בענעפיטן וואס וועלן צושטעלן העכסט-נויטיגע פינאנציעלע פארלייכטערונג.״

דער פראגראם, אנגעפירט דורך דער אפיס פון טעמפארערי און דיסאביליטי עסיסטענס, ווערט פינאנצירט דורך די פעדעראלע רעגירונג. בארעכטיגטע הויזגעזינדער קענען באקומען איין געווענטליכע בענעפיט פער סעזאן און קענען אויך זיין בארעכטיגט פאר אן עמערדזשענסי בענעפיט אויב זענען זיי אין געפאר פון אויסלויפן פון הייצונג ברענשטאף אדער האבן זייער יוטיליטי סערוויס פארמאכט. אפליקאציעס פאר עמערדזשענסי בענעפיטן וועלן אנגעהויבן צו אנגענומען ווערן יאנואר 3, 2023.

בארעכטיגטע הײם אייגנטימער און טענאנטס קענען באקומען אזויפיל ווי 976 דאלער אין הייצונג הילף, געוואנדן אויף זייער איינקונפט, צאל פון הויזגעזונד מיטגלידער און וויאזוי זיי הייצן אן זייער הײם, און אויב דאס הויזגעזינד אנטהאלט א מער-באדערפטיגע מיטגליד. א פאמיליע מיט פיר מיטגלידער מעג האבן א מאקסימום בעפאר-שטייער חודש׳ליכע איינקונפט פון 5,485 דאלער אדער יערליכע איינקונפט פון 65,829 דאלער, און נאך אלץ קוואליפיצירן פאר בענעפיטן.

די ווערד פון די [געווענטליכע HEAP בענעפיטן] איז געהעכערט געווארן צוליב די העכערע הייצונג קאסטן פאראויסגעשאצט פאר דעם ווינטער. דער בענעפיט איז געהעכערט געווארן מיט 33 פראצענט פאר הויזגעזינדער וועלכע הייצן מיט אויל, קעראסין, אדער פראפעין; 21 פראצענט פאר הויזגעזינדער וועלכע הייצן מיט האלץ, האלצערנע שפענדלעך, קוילן, אדער קארן; און 14 פראצענט פאר הויזגעזינדער וועלכע הייצן מיט עלעקטריציטעט אדער נאטורליכע גאז.

אפליקאציעס פאר הילף ווערן אנגענומען ביי ארטיגע דעפארטמענטס פון סאושעל סערוויסעס פערזענליך אדער דורכ'ן טעלעפאן, און די געלטער ווערן צוגעטיילט לויט ווער עס קומט אן ערשט. איינוואוינער אינדרויסן פון ניו יארק סיטי קענען זיך אויך ווענדן דורכ'ן אינטערנעט פאר געוועגטליכע הייצונג הילף בענעפיטן. ניו יארק סיטי איינוואוינער קענען דאַונלאָודען אן אפליקאציע און באקומען פראגראם אינפארמאציע דא.

**ניו יארק סטעיט אפיס פון טעמפארערי און דיסאביליטי עסיסטענס קאמיסיאנער דעניעל דאָבליו. טיעץ האט געזאגט,** "העכערע הייצונג קאסטן דעם ווינטער וועט שטעלן אין געפאר הויזגעזינד בודזשעטן לענגאויס ניו יארק. דער היים ענערגיע הילף פראגראם שטעלט צו נייטיגע פארלייכטערונג, איבערהויפט פאר ווייניג-פארדינענדע ארבעטער פאמיליעס, ווי אויך עלטערע איינוואוינער אויף א באגרעניצטע איינקונפט. איך מוטיג סיי ווער וואס נייטיגט זיך אין די הילף זיך איינצוגעבן איידער די קאלטער וועטער הייבט זיך אן."

**קאנגרעסמאן פאול טאנקא,** "בשעת מיר גייען אריין אין די ווינטערדיגע חדשים און פוטינ'ס קריג קעגן אוקריינע זעצט פאר צו שטייגן, ווערן מער אמעריקאנער אנגעשטרענגט דורך שטייגנדע היים ענערגיע קאסטן, הויפטזעכליך עלטערע איינוואוינער און ווייניג-פארדינענדע פאמיליעס. איך האב שווער געקעמפט איינצופירן מער פינאנצירונג פאר'ן היים ענערגיע הילף פראגראם, און איך בין דאנקבאר צו האבן פארזיכערט דער פעדעראלע שטיצע פאר דעם נייטיגן פראגראם. איך וועל פארזעצן צו טון אלץ וואס איך קען צוצושטעלן נייטיגע פארלייכטערונג פאר ניו יארקער און פארזיכערן אז פאמיליעס קענען זיך ערלויבן זייערע ענערגיע בילס."

**קאנגרעסמאן עדריאנא עספיילאט האט געזאגט,** "איך לויב אויס גאווערנער האוקול פאר'ן באשטימען פעדעראלע געלטער וואס איך האב געהאלפן שאפן צו האלטן ניו יארקערווארעם, און איך מוטיג אלע בארעכטיגטע הויזגעזינדער אין מיין דיסטריקט און לענגאויס ניו יארק סיטי זיך איינצוגעבן פאר הילף דעם ווינטער און אויסניצן די דאזיגע הילפס-מיטלען נאכצוקומען די קאסטן פון הייצן זייערע היימען. בשעת מיר גייען אריין אין די ווינטערדיגע חדשים און טעמפעראטורן הייבן אן זיך אראפצולאזן, איז עס קריטיש-וויכטיג אז מיר זאלן צושטעלן נייטיגע שטיצע צו פארזיכערן אז איינוואוינער, מער-אומבאהאלפענע קאמיוניטיס, און עלטערע איינוואוינער אויף איינגעצוימטע איינקונפטן, קענען הייצן זייערע היימען צו בלייבן ווארעם און נישט דארפן זארגן איבער שטייגנדע ענערגיע קאסטן."

באלד 1.7 מיליאן HEAP בענעפיטן זענען אויסגעטיילט געווארן פאריגע ווינטער, די מערסטע אין וויניגסטנס די לעצטע פינף יאר. ענליכע געברויך פאר הילף איז נאכאמאל ערווארטעט דעם ווינטער.

ניו יארקער וועלכע באקומען HEAP הילף דעם סעזאן און בלייבן נאכאלץ הונטערשטעליג מיט זייערע יוטיליטי בילס אדער אויב זיי האבן ווייניג הייצונג גאז קענען אויך זיין בארעכטיגט פאר אן איינמאליגע עמערדזשענסי HEAP בענעפיט. אפליקאציעס פאר עמערדזשענסי בענעפיטן וועלן אנגעהויבן צו אנגענומען ווערן יאנואר 3.

הילף איז יעצט אויך דא צו באקומען צו העלפן בארעכטיגטע היים אייגנטימער אויב זייער הויפט הייצונג עקווipמענט איז נישט זיכער אדער ארבעט נישט און אויב זייער הייצער אדער בוילער מוז פארראכטן אדער ערזעצט ווערן. די סומעס פון בענעפיטן דורך די HEAP הייצונג געצייג פאררעכטונג און ערזעצונג פראגראם ווענדן זיך אין די אייגנטליכע סומע עס האט אפעקטאסט צו פאררעכטן אדער ערזעצן די נויטיגע הייצונג אויסריכטונג – ביז 4,000 דאלער פאר פאררעכטן און ביז 8,000 דאלער פאר ערזעצן. די מאקסימום סומעס זענען אויך געהעכערט געווארן זייט פאריגעס יאר, צוליב העכערע קאסטן פון ארבעטסקראפט און מאטעריאלן.

בארעכטיגטע היים אייגנטימער קענען זיך יעצט אויך איינגעבן פאר א HEAP הייצונג עקוויפמענט רייניגונג און אנשטעלונג בענעפיט צו האלטן זייער היים'ס הויפט הייצונג מיטל אין די שטערקסטע ווירקזאמקייט. אפליקאנטן פאר די בענעפיטן זאלן זיך פארבינדן מיט זייער ארטיגע דעפארטמענט פון סאָושעל סערוויסעס פאר מער אינפארמאציע.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418